[illegible]

<u>ראש השנה באגריסונג צום יידישן פאלק</u>

אויפן שוועל פון נייעם יאר האב איך א גרויסן זכות איבערצושיקן, אין נאמען פון מדינת ישראל און איר רעגירונג, הארציקע גרוסן צו אונדזערע ברידער יידן אין גאר דער וועלט.

צוערשט וויל איך אייך סימבאליליקן אין איבערשיקן א גרוס צו דוד בן־גוריון, וועלכער האט רעזיגירט פונעם רעגירונגס־רודער. שטייענדיק אין דער שפיץ פונעם קאמף פאר באנייען די ישראל־זעלבשטענדיקייט און פארפעסטיקן זי, האט ער איינגעשריבן א פרעכטיקן קאפיטל אין דער יידישער געשיכטע און האט געווונען די אנארקענונג און פארערונג פונעם יידישן פאלק.

מיין באגריסונג איז באגלייט פון א פרייד צוליב דעם. וואס אינעם פארגאנגענעם יאר האבן מיר ווייטער אויפגענומען מאסן עולים־ברידער, ווייטער זיך באמיט צו שאפן און פארשטארקן אייניקייט צווישן ברידער וועלכע קומען פון די פארשידענע גלות לענדער, צו אנטוויקלען דאס לאנד און סטאביליזירן די ווירטשאפט.

./סיר האבן

מיר האבן אנטוויקלט אינסטיטוציעס פאר דערציונג, וויסנשאפט און קולטור. מיר האבן זיך באמיט צו פארקלענערן דעם נאך עקזיסטירנדיקן מרחק צווישן די אלט-איינגעזעסענע און די נייע בירגער. מיר האבן ווייטער געבויט אונדזער לעבן אין דער ריכטונג פון שאפן א דעמאקראטישן רעזשים פון גערעכטיקייט, מיט וועלכן יעדער בירגער זאל שטאלצירן, מיט וועלכן יעדער ייד זאל זיך אידענטיפיצירן און יעדער מענטש זאל רעספעקטירן.

דאס אלץ האבן מיר געטאן אין ענגער קאאפעראציע מיט אונדזערע ברידער אין די גלות-לענדער און מיט זייער איבערגעגעבענער, מאטעריעלער און גייסטיקער הילף. מיר וועלן טאן אלץ וואס מיר קענען, כדי ווייטער אויפצוהאלטן די דאזיקע שותפות, זי אויסברייטערן און פארטיפן.

די עולים, וואס קומען פון די נויט-לענדער, נויטיקן זיך און דערוואַרטן צוזאמען מיט אונדז די עלייה פון ברידער און שוועסטער פון די פרייע און זאטע לענדער. ישראל ווארט אויף דעם אריינקום פון יידן וואס זאלן ברענגען מיט זיך וויסן און איבערגעבנקייט, כדי זיי זאלן צוזאמען מיט אונדז בויען די מדינה און פארוויקלען די דורות-לאנגע וויזיע.

/דאס פאלק.

דאס פאלק אין ישראל דערוואַרט פון יעדן ייד אומעטום, ער זאל זיך באמיען צו אנטוויקלען זיינע פארבינדונגען מיט דער מדינה, צו באַרייכערן זיין קענטשאפט אין דער באניימטער העברעאישער שפראך און צו פארטיפן זיינע ווארצלען אין דער גייסטיק־קולטורעלער ירושה פון די פריערדיקע דורות.

עס איז מיר אנגענעם צו קאנסטאטירן, אז אין דעם אפלויפנדיקן יאר האבן מיר געמאכט א ווייטערדיקן פארשריט אין אונדזערע פרייַנטלעכע פארבינדונגען מיט די פעלקער אין דער וועלט און אויסגעברייטערט זייער שטיצע פאר אונדזער שלום־פאליטיק. מיר שאצן אפ ביז גאר די הילף, וואס מיר האבן באקומען פון פרייַנטלעכע פעלקער און פון מענטשן מיט גוטן ווילן אין א סך ערטער.

דאס אפלויפנדיקע יאר האט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט א בעסערונג פון די באציונגען צווישן די גרויסמאכטן. דאס איז דער ערשטער שריט. לאמיר האפן, אז עס וועלן קומען ווייטערדיקע שריט, וועלכע וועלן ברענגען גרעסערע בארואיקונג אין דער גאנצער וועלט און אין אונדזער צעשטורעמטן ראיאָן.

צום שלום/.

צום שלום וועל איך דערמאנען דעם געבענטשטן אנדענק פונעם צווייטן ישראל-פרעזידענט, פונעם פאלקס-באליבטן יצחק בן צבי זכרונו לברכה. זיין טויט איז געווען א שווערער פארלוסט פאר ישראל און פאר דעם גאנצן יידנטום.

איך ווינטש אייך אלע א יאר פון פרידן און גליק, פון פארשטארקטער יידישער איינקייט און פרוכטבארער ארבעט לטובה אונדזער בשותפותדיקן ווערק.

לשנה טובה תכתבו!

לוי אשכול

ירושלים, ערב ראש השנה, תשכ"ד